**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/19/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 157 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין אויספלאסטערונג איבערפרישונג פראיעקטן אין לאנג איילענד**

***אינוועסטירונג ערגענצט גאווערנער'ס פארפליכטונג צו פאררעכטן ניו יארק'ס געסער און בריקן, ווי אפגעשפיגלט אין היסטארישע 32.8 ביליאן דאלארדיגע [קעפיטעל פלאן](#) דורכגעפירט אין די פיסקאלע יאר 2023 בודזשעט***

***פראיעקטן דעם פרילינג און זומער וועלן פאררעכטן 480 מיילן אין לענג פון ליניעס פון אויספלאסטערונג אין נעסאו און אין סופאָלק קאונטיס***

***הויפט טיילן פון די Long Island Expressway, Southern State Parkway און Meadowbrook State Parkway צו איבערגעפרישט ווערן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א 157 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג פאר אויספלאסטערונג איבערפרישונג פראיעקטן פארקומענדיג אויף טייל פון די פארנומענסטע געסער אין לאנג איילענד דעם פרילינג און זומער. די פראיעקטן וועלן פארגרינגערן דאס פארן און פארבעסערן באוועגונג פאר דרייווער אין נעסאו און סופאָלק קאונטיס דורכן פון פריש אויספלאסטערן בערך 480 מיילן אין לענג פון ראוד ליניעס פון סטעיט הייוועיס, אריינרעכענענדיג הויפט טיילן פון די Long Island Expressway, די Southern State Parkway און די Meadowbrook State Parkway. די פראיעקטן זענען טייל פון גאווערנער האקול'ס פרעצעדענטלאזע פארפליכטונג צו פאררעכטן ניו יארק'ס געסער און בריקן וואס רעכענען אריין די גאווערנער'ס 1 ביליאן דאלארדיגע 'אפעראציע פלאסטער אויס אונזערע גרובן' (Operation Pave Our Potholes) פראגראם וואס איז אריינגערעכנט געווארן אלץ טייל פון די היסטארישע 32.8 ביליאן דאלארדיגע, פינף יאר לאנגע [קעפיטעל פלאן](#) אין די לעצטנס-דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט.

"לאנג איילענד האט פון די פארנומענסטע הייוועיס אין די פאראייניגטע שטאטן, און די אינוועסטירונגען וואס מיר מאכן היינט וועלן העלפן זיכער מאכן גלאטערע רייזעס און וויניגער שטערונגען פאר די צענדליגע טויזנטע מענטשן וועלכע נוצן די קריטישע שטראזן צו אנקומען צום ארבעט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט דאס אריבערפירונג פון די היסטארישע קעפיטעל פלאן, וועלן מיר גיבן פאר קאמיוניטיס די אינפראסטרוקטור וואס זיי דארפן צו קענען אנקומען צו זייער פולע פאטענציאל, פארבעסערן פארבינדונג צווישן ערטער, פאררעכטן וויכטיגע געסער און בריקן און פאררעכטן אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט. איך בין שטאלץ צו צושטעלן פינאנצירונג פאר טראנספארמירנדע פראיעקטן ווי די, וועלכע שיקן א שטארקע סיגנאל אז ניו יארק בויט זיך צוריק אויף בעסער און שטערקער פון סיי ווען בעפאר."

הייוועיס וועלכע ווערן איבערגעפרישט אין דעם קאנסטרוקציע סעזאן רעכענען אריין א וויכטיגע טייל פון די Long Island Expressway (Interstate 495) אין וועסטערן און צענטראל סופאלק קאונטי. מאנשאפטן ערווארטן צו איבערפרישן 287 מייל אין לענג פון ליניעס צווישן די נעסאו/סופאלק גרעניץ און State Route 112 (Exit 64). די 80.1 מיליאן דאלארדיגע אונטערנעמונג רעכנט אריין די דריי הויפט רייזע ליניעס, די ליניעס פאר קארן/באסעס מיט מערערע זיצן (High-Occupancy Vehicle, HOV), שאלדערס און 62 ראמפעס ארויף און אראפ. א דורכשניט פון 152,000 קארן פארן דורך דעם טייל טעגליך.

די LIE פארבינדט זיך צו כמעט יעדע הויפט הייוועי אין דעם ראיאן, און עס איז קריטיש פאר לאנג איילענד'ס עקאנאמיע פאר מענטשן וואס פארן אריין צום ארבעט, טוריסטן און די פלוס פון פראדוקטן. כדי צו רעדוצירן די שטער צו טראפיק, וועט די עיקר ארבעט אויף די עקספרעסוועי – וועלכע וועט זיך אנהויבן שפעטער דעם וואך – פארקומען דורכאויס די נאכט שטונדן און סערוויס ראָודס וועלן גענוצט ווערן פאר אן אומוועג פאר טראפיק. די עיקר ארבעט איז פלאנירט צו פארענדיגט ווערן ביז סוף 2022.

די פאנאראמישע Meadowbrook State Parkway, וואס איז די וועג צו Jones Beach, וועט איבערגעפרישט ווערן פון Merrick Road צו די דרום זייט ביז Ocean Parkway אין די טאַון אָוו העמפסטעד. פרישע אויספלאסטערונג פון 23 ליניע מיילן קומט יעצט פאר איבערנאכט, און עס איז ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן ביז מעמאָריעל דעי, אויב די וועטער וועט דאס ערלויבן. די רעשט פון די 5.6 מיליאן דאלארדיגע פראיעקט, אריינרעכענענדיג דאס איבערמאכן גראזיגע שאלדערס, איז ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן ביז סוף יאר.

א 23.9 מיליאן דאלארדיגע אויספלאסטערונג איבערפרישונג פראיעקט הויבט זיך אויך יעצט אן אויף א 63 מייל שטרעקע אין לענג פון ליניעס אויף די Southern State Parkway צווישן Exit 20 (Grand Avenue/Baldwin Road) און State Route 110 ביי די נעסאו/סופאלק גרעניץ. דער פראיעקט וואס איז פלאנירט צו ווערן פארענדיגט מיט די עיקר ארבעט ביז סוף 2022, בויט אויף דעם אויספלאסטערונג איבערפרישונג פראיעקט פון לעצטע יאר וואס האט זיך געצויגן צווישן די Cross Island Parkway ביי די קווינס/נעסאו גרעניץ און Exit 20. די Southern State Parkway איז צווישן די פארנומענסטע געסער אין לאנג איילענד מיט א דורכשניט פון בערך 200,000 קארן א טאג.

אויך פלאנירט פאר די Southern State Parkway דעם יאר זענען דאס איבערמאכן 11 מייל אין לענג פון ליניעס צווישן State Route 231 און די Sagtikos State Parkway אין בעבילאן און אייסליפּ טאַונס; און צעמענט פאררעכטונגען אויף 55 ארייננגאנג און עקזיט ראמפעס אין נעסאו און סופאָלק קאונטיס.

נאך אויספלאסטערונג איבערפרישונג פראיעקטן פאר א סך הכל פון כמעט 30 מייל אין לענג פון ליניעס אויף עטליכע געסער וועלן זיך אנהויבן דעם יאר. די צייטן ביי די פלעצער וועלן זיין פארשידן, אבער אלע וועלן זיין פארענדיגט ביז סוף 2023. זיי רעכענען אריין:

- State Route 114 צווישן Stephen Hands Path און די Shelter Island South Ferry terminal אין סעג האַרבאָר ווילעדזש, נאָרט העיווען ווילעדזש און טאַון אָוו איסט העמפטאן;
- State Route 109 צווישן די Nassau/Suffolk border און State Route 27A אין די טאַון אָוו בעבילאן;
- State Route 25A צווישן Lawrence Road און State Route 25 אין די טאַון אָוו סמיטטאַון;
- State Route 111 צווישן Suffolk Avenue און די LIE אין די טאַון אָוו אייסליפּ;

- Sunrise Highway North Service Road צווישן Udall Road און Manor Road אין די טאַון אָוו אייסליפ;
- Sunrise Highway South Service Road צווישן Udall Road און Malts Avenue אין די טאַון אָוו אייסליפ.

גאווערנער האקול האט אנאנסירט די וויכטיגע אינוועסטירונג פאר לאנג איילענד'ס געסער אזוי ווי די קאנסטרוקציע סעזאן הויבט זיך אן און מער אויפהאלטונג און ארבעט'ס מאנשאפטן וועלן מאכן פאררעכטונגען און פארבעסערונגען צו פארזיכערן אז געסער זענען זיכער פאר דרייווערס. אלע מענטשן וואס פארן זאלן זיין גרייט צו פארן שטייטער און זיין אויפמערקזאם ביים אריבערפארן ארבעט זאנעס.

**סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער מערי טעריזע דאמינגעז האט געזאגט,** "גאווערנער האקול פארשטייט די קריטישע ראלע וואס אינפראסטראקטור שפילט אין די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס און די שטארקייט פון אונזער עקאנאמיע. די פריעקטן אין לאנג איילענד און די היסטארישע אינוועסטירונגען וואס מיר מאכן אין די גאנצע סטעיט וועלן שאפן א מאדערנע טראנספארטאציע נעטווארק וואס ברענגט צוזאם מענטשן, פארשטערקערט אונזער געפיל אלץ א קאמיוניטי און האלט אונזער עקאנאמיע וואקסנדיג גוט אריין אין די 21'סטע יאר הונדערט."

**סטעיט סענאטאר טאַד קאמינסקי האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר לאנג איילענדער גוט אויסגעפלאסטערע געסער און א גלאטע דרייוו. איך בין שטאלץ געווען צו ארבעטן מיט מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור און מיט גאווערנער האקול צו פארזיכערן די רעקארד ברעכנדע פינאנצירונג פון 157 מיליאן דאלאר אין די היי-יאריגע סטעיט בודזשעט צו פאררעכטן כמעט 500 מייל פון געסער אין לאנג איילענד און זיי פאררעכטן צו זיין אין די בעסטע צושטאנד. וויכטיג צו באמערקן, ווי מער אינפראסטראקטור פינאנצירונג מיר באקומען פון אלבאני, אלץ וויניגער ווערן לאקאלע טעקס באצאלער גערופן צו אונטערנעמען די עול."

**סטעיט סענאטאר דזשאן ברוּקס האט געזאגט,** "פאררעכטן גריבער און אויפהאלטן די קוואליטעט פון אונזערע געסער וועלן אלעמאל זיין א הויפט זארג פאר לאנג איילענדער. מיט די מאס טראפיק וואס מיר זעהען אין לאנג איילענד, און מיט די סעזאנאלע ווירקונגען פון די וועטער אויף די אויספלאסטערונג, איז דאס א פראבלעם וואס מיר פרובירן שטענדיג צו איבערקומען. די פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג אין די איבערפרישונג פון אונזערע בריקן און געסער וועט גיין א לאנגע וועג צו זיכער מאכן אז די טעגליכע רייזעס פון לאנג איילענדער וועלן זיין ווי זיכער און פארלעסליך ווי עס איז נאר מעגליך. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן דאס אנערקענען אלץ א באדייטנדע באדערפעניש פאר לאנג איילענד און פארן אהערשטעלן די פינאנצירונג זיך צו באנעמען דערמיט."

**סטעיט סענאטאר דזשעימס גאָוגרען האט געזאגט,** "יעדע לאנג איילענדער איז אריבערגעפארן העכער געסער אנגעלייגט מיט גריבער און זיך געמוטשעט מיט די קאסטליכע קאר פאררעכטונגען וואס קומען דערפון. דאס איז פארוואס איך האב אזוי שווער געקעמפט פאר באדייטנדע פינאנצירונג פאר ראוד איבערפלאסטערונג אין די היי-יאריגע בודזשעט, און איך באדאנק גאווערנער האקול פארן שטיין אין שפיץ פון דעם אנגעלעגנהייט."

**סטעיט סענאטארשע אנא קאפלאן האט געזאגט,** "דאס איז געווארן איינס פון די ערגסטע גריבער סעזאנען אין לאנג איילענד אין די לעצטיגע תקופה, און מיר דארפן טוהן וואס אימער עס איז נויטיג צו פאררעכטן אונזערע געסער אויפן ריכטיגן אופן. דאס איז פארוואס איך האב געקעמפט מיט מיין גאנצע נשמה צו צוטיילן מער געלט אין אונזער סטעיט בודזשעט פארן אויספלאסטערן געסער, און א דאנק די צוזאמענארבעט און פירערשאפט פון גאווערנער האקול, האבן מיר דאס מצליח געווען אריבערצופירן, און 157 מיליאן דאלאר אין הילף איז יעצט אויפן וועג קיין לאנג איילענד צו באקעמפן די קריזיס אלץ טייל פון

די 1 ביליאן דאלארדיגע 'אפעראציע פלאסטער אויס אונזערע גריבער' פראגראם. אזוי ווי אייביג, בין איך דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס אויפמערקזאמקייט צו אונזער אינפראסטראקטור אין לאנג איילענד, און באזונדערס פאר איר קאנצעטראציע צו אויספלאסטערן אונזערע גריבער-געפלאגטע געסער."

**סטעיט סענאטאר קעווין טאמאס האט געזאגט,** "בערגיגע געסער זענען נישט נאר א אומבאקוועמליכקייט פאר דרייווער — זיי זענען אן עול אויף אלע אונזערע קעשענעס. די צייט צו פארריכטן אונזערע געסער, הייוועיס און בריקן איז יעצט. די פראיעקטן וועלכע זענען אנאנסירט געווארן דורך גאווערנער האקול וועלן גיין א לאנגע וועג אינעם ריכטונג צו פארבעסערן זיכערהייט און די קוואליטעט פון לעבן פאר אלע איינוואוינער פון נעסאו קאונטי. איך באדאנק די גאווערנער פארן לייגן אונזער סטעיט'ס אינפראסטראקטור אלץ פריאריטעט, באזונדערס אין לאנג איילענד וואו אונזערע געסער זענען אין פארצווייפלטע נויט פון איבערגעמאכט ווערן."

**אסעמבלי מיטגליד סטיווען ענגעלברייט האט געזאגט,** "עס דערפרייט מיר אז גאווערנער האקול איז איבערגעגעבן צו פארבעסערן לאנג איילענד'ס געסער. די לאנג איילענד דעלעגאציע האט לעצטנס געשריבן רופנדיג אז די פראיעקטן זאלן פארענדיגט ווערן גאר שנעל. עס קומט זיך פאר די פובליק וואס דרייווט זיכערע און גלאטע געסער, און מיט די נייע אריינפלוס פון פינאנצירונג און פראיעקטן, זאלטן מיר אלע זעהן פארבעסערונגען אין די צושטאנד פון גאס אויבערפלאכן."

**אסעמבלי מיטגליד פרעד טיעלע האט געזאגט,** "נאך יארן פון פארנאכלעסיגקייט און צופאלן ווערן זענען אונזערע געסער יעצט אויפן שוועל פון זיך אונטערברעכן, און לאנג איילענדער זענען זאט פון צאלן פאר כסדר'דיגע און קאסטליכע קאר פאררעכטונגען. די פינאנצירונג וואס האט שוין פון לאנג געדארפט צוגעטיילט ווערן וועט גיין א לאנגע וועג צוריקצוברענגען אונזערע געסער צו די צושטאנד וואס עס קומט זיך פאר אונז און וואס מיר ערווארטן. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן ענטפערן די רופן פון די איינוואוינער אין מיין דיסטריקט און ארבעטן בשותפות צו פארזיכערן די קריטישע בודזשעט פריאריטעט."

**אסעמבלי מיטגליד טשארלס לאווין האט געזאגט,** "איך בין גאר צופרידן אז די דעמאקראטישע פירערשאפט און גאווערנער האקול האבן געקענט ארבעטן צוזאמען צו איינשטימען אויף דעם בודזשעט וואס ברענגט פילע בענעפיטן פאר לאנג איילענדער. די אינוועסטירונג אין טראנספארטאציע אינפראסטראקטור איז באדייטנד און וועט ברענגען עכטע פארבעסערונגען פאר מענטשן וועלכע דארפן פשוט אנקומען וואו אימער זיי גייען אן די אומבאקוועמליכקייטן אנגעברענגט דורך שלעכטע און אומזיכערע געסער."

**אסעמבלי מיטגליד פיל ראַמאָוס האט געזאגט,** "פארבעסערן אונזערע פארעלטערנדע אינפראסטראקטור העלפט האלטן דרייווער און פיסגייער זיכער, ערמעגליכט קארן צו בלייבן אויף די ראוד לענגער און שאפט גוט-באצאלנדע דזשאבס — און דאס איז געווען א הויפט פריאריטעט פאר מיר אין די לעצטנס אריבערגעפירטע בודזשעט. די פראיעקטן וועלכע זענען אנאנסירט געווארן דורך גאווערנער האקול היינט וועלן העלפן פאררעכטן הויפט געסער און בריקן אין אונזערע קאמיוניטיס, און עס איז טייל פון די פרעצעדענטלאזע 32.8 ביליאן דאלארדיגע קעפיטעל פלאן וואס איך האב געקעמפט אריינצולייגן אין די סטעיט שפענדונג פלאן. איך קוק ארויס צו זעהן די קריטישע אינפראסטראקטור פראיעקטן ווערנדיג פארווירקליכט, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן מיט סטעיט און לאקאלע פירער צו ברענגען לאנג איילענד'ס פארעלטערנדע געסער און בריקן אריין אין די 21'סטע יאר הונדערט."

**אסעמבלי מיטגלידערין מייקעל סאָלאַזשעס האט געזאגט,** "גריבער און געשעדיגטע געסער זענען פונדאמענטאלע לעבן'ס קוואליטעט אנגעלעגנהייטן וואס אונזער סטעיט האט די כוח צו אדרעסירן. איך בין שטאלץ אז ניו יארק סטעיט האט צוגעזאגט 1 ביליאן דאלאר פאר 'אפעראציע פלאסטער אויס

אונזערע גריבער וועלכע וועלן גיין דירעקט פאר 480 מייל פון אויספלאסטערונג איבערפרישונג אין לאנג איילענד. דער פראגראם וועט אראפנידערן קאר אויפהאלטונג קאסטן פאר מענטשן וואס פארן צום ארבעט און באזיכער צו לאנג איילענד און מאכן דאס אנקומען צו אייער דעסטינאציע א שנעלערע און ווייניגער אנגעצויגענע ערפארונג."

**אסעמבלי מיטגלידערין קימבערלי זשאַן-פיער האט געזאגט,** "לאנג איילענד האבן פון לאנג געליטן פון אומדרייוובארע אומשטענדן אויף אונזערע הויפט געסער, אבער א דאנק גאווערנער האקול'ס פירערשאפט מאכט די היי-יאריגע אריבערגעפירט בודזשעט קריטישע אינוועסטירונגען אין אונזער הייוועי אינפראסטראקטור דא אין לאנג איילענד און איבער די גאנצע סטעיט. די אינוועסטירונגען וועלן פארגרינגערן דאס לעבן פאר לאנג איילענדער וועלכע פארן צום ארבעט, טראק דרייווערס וואס פירן פראדוקטן פון און צו אונזערע ראיאן און די וועלכע נוצן אונזערע געסער צו אנקומען צו די פילע דעסטינאציע ערטער וואס לאנג איילענד האט צו אפפערן. איך באדאנק גאווערנער האקול און אונזער פירערשאפט אין אלבאני פארן ברענגען רעזולטאטן פאר די קריטישע פריאריטעט פאר אונזער ראיאן."

**אסעמבלי מיטגליד סטיוו סטערן האט געזאגט,** "אינפראסטראקטור אינוועסטירונגען און ראוד פאררעכטונגען זענען קריטיש וויכטיג סיי פאר אונזער לאקאלע עקאנאמיע און סיי פאר די זיכערהייט פון אונזערע דרייווער. אזוי ווי לאנג איילענדער ווייסן גאר גוט, זענען גריבער א געפארפולע און קאסטליכע טייל פון אונזערע טעגליכע רייזעס. איך בין שטאלץ צו ארבעטן צוזאמען מיט גאווערנער האקול אויף די היסטארישע פארבעסערונגען צו אונזערע לאקאלע געסער וועלכע וועלן גיין א לאנגע וועג אויף פאראויס אינעם פארמיידן שאדן צו אונזערע קארן און פארגרינגערן די אנגעצויגנקייט פון אונזערע רייזעס. איך באדאנק די גאווערנער פאר איר פירערשאפט אין דעם אנגעלעגנהייט, און איך קוק ארויס צו זיכער מאכן אז לאנג איילענד באקומט ווייטער איר יושר'דיגע טייל פון ניו יארק סטעיט."

**אסעמבלי מיטגליד טעילאר דאַרלינג האט געזאגט,** "די 157 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין אויספלאסטערונג איבערפרישונג פראיעקטן אין נעסאו און סופאָלק קאונטיס איז גוטע נייעס פאר אונזערע איינוואוינער. די Meadowbrook, Southern State און די LIE ווערן גענוצט דורך פילע דרייווער אין זייערע טעגליכע רייזעס. פאר יארן האבן טיילן פון די Meadowbrook און Southern State Parkways אין מיין דיסטריקט און אין אנדערע דיסטריקטס זיך פארערגערט ברענגענדיג זיכערהייט סכנות פאר אונזערע דרייווער. די אומשטענדן פון די געסער האבן אויך אפעקאסט פאר פילע פון די איינוואוינער אין מיין דיסטריקט טויזנטע דאלארן אין אומפאראויסגעזעהענע קאר פאררעכטונגען וואס פילע פון אונז קענען זיך נישט ערלויבן. איך בין גאר באגייסטערט אז גאווערנער האקול האט אויסגעהערט אונזערע זארגן און געמאכט דעם באשלוס צו אינוועסטירן אינעם אויספלאסטערן די געסער."

**אסעמבלי מיטגלידערין דזשודי גריפין האט געזאגט,** "עס איז גאר וויכטיג פאר ניו יארק סטעיט צו צושטעלן גענוג פינאנצירונג פאר לאקאלע טראנספארטאציע אינפראסטראקטור פראיעקטן צו אויפהאלטן, פאררעכטן און פארבעסערן די זיכערהייט פון אונזערע געסער, און דאס איז פארוואס איך האב געשתדל'ט פאר א באדייטנדע אינוועסטירונג אין אונזערע לאנג איילענד געסער אין אונזער סטעיט בודזשעט. איך בין דאנקבאר אז גאווערנער האקול האט זיך פארפליכטעט צו אינוועסטירן 157 מיליאן דאלאר פאר וויכטיגע אויספלאסטערונג איבערפרישונג פראיעקטן אויף טייל פון אונזערע פארנומענסטע געסער אין לאנג איילענד דעם פרילינג און זומער. איך ווייס אז די איינוואוינער אין מיין AD21 דיסטריקט וועלן זיי צופרידנגעשטעלט וויבאלד מיר ווייסן אלע וויאזוי די הויכע מאסן פון טראפיק לייגן די Southern State און Meadowbrook Parkways אין כסדר'דיגע נויט פון אויפהאלטונג. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אויסהערן און זיך אפרופן צו די באדערפענישן פון לאנג איילענדער. די אינוועסטירונג טוט נישט נאר פארבעסערן דאס פארן, די גאס זיכערהייט און רעדוצירן שאדנס צו קארן, נאר עס שטיצט אויך הויכע קוואליטעט דזשאבס פאר שווער-ארבעטנדע מענער און פרויען אין לאנג איילענד, העלפנדיג אויפלעבן אונזער לאקאלע עקאנאמיע."

**אסעמבלי מיטגלידערין דזשינע סיליטי האט געזאגט,** "נעכטן האב איך אריבערגעפארן א ריזיגע גרוב מיט א 50 פונטיגע זאמד זעקל דערין. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פאר אייער פארפליכטונג צו ברענגען די געלטער וואו עס איז דא א פארצווייפלטע נויט דערפאר — אונזערע געסער. לאנג איילענדער קענען נישטווארטן פאר די פראיעקטן זיך אנצוהייבן!"

דרייווערס זאלן פארן שטייטער און זיך זיכערערהייט אריבעררוקן ווען ארבעט'ס מאשינען זעהען זיך אן מיט רויטע, ווייסע, בלויע, אראנדזש אדער גרינע לייטס, אריינרעכענענדיג אויפהאלטונג און קאנסטרוקציע מאשינען אין ארבעט'ס זאנעס.

קנסות זענען געטאפלט פארן פארן שנעל אין אן ארבעט'ס זאנע. געפונען ווערן שולדיג פאר צוויי אדער מער פארלעצונגען פון פארן שנעלער ווי ערלויבט אין אן ארבעט'ס זאנע קען ברענגען אז דעם מענטשן'ס דרייווער'ס לייסענס זאל ווערן סאָספענדעד.

צו לערנען מער איבער וואס מיר טוהען צו האלטן ארבייטער און דרייווער זיכער אין הייווע' קאנסטרוקציע זאנעס און איבער ניו יארק'ס Move Over (רוק זיך אריבער) געזעץ, באזוכט www.ny.gov/workzonesafety.

פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער די געסער, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפּ.

פאַלאָוט די NYSDOT אויף Twitter ביי @NYSDOT און ביי @NYSDOTLI. טרעפט אונז אויף Facebook ביי Facebook.com/NYSDOT.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov



זיך ארויסשרייבן